# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# פניני השבוע

## פ' פנחס

### כיתה ב' (א-ב)

הר"ר מאיר חיים שישא הי"ו
הר"ר משה ברוך כץ הי"ו

# לכבוד די חשוב'ע עלטערן שיחיו

די וואך האבן מיר געלערנט

**חומש:** די ערשטע דרייצן פסוקים פון אנהייב.

**חומר שבועי:** די אינהאלט פון די וואך איז בייגעלייגט אין דעם גליון

**סיפורים:** מיר שיקן א מעשה וואס די קינדער זאלן ליינען, די וואך האבן מיר געשיקט א מעשה פונעם אור החיים הק' וואס זיין יארצייט פאלט אויס די קומענדיגע וואך .

**א גוט שבת**

**המלמד**

# אינהאלט פון די וואך

## בקנאו את קנאתי

פנחס האט מקנא געווען קנאת ה' ווען ער האט געזעהן א נשיא פון שבט שמעון "זמרי בן סלוא" האט חתונה געהאט מיט א גוי'טע "כזבי בת צור" די טאכטער פון די נשיא פון מדין, און אויך האט ער געשריגן אקעגן משה רבינו "ווער האט דיר געגעבן רשות צו חתונה האבן מיט ציפורה וואס איז אויך פון מדין.

ווען פנחס האט דאס געזעהן האט ער גענומען א שפיז און האט גע'הרג'עט זמרי בן סלוא מיט כזבי בת צור, און מיט דעם האט ער געמאכט א גרויסע קידוש ה', און דער אייבישטער האט מוחל געווען פאר די אידן און די מגיפה האט זיך אפגעשטעלט די אידן האבן אויפגעהערט צו שטארבן, און וועגן דעם האט פנחס באקומען א שכר אויך אויף די וועלט אז ער מיט זיינע קינדער וועלן זיין כהנים, און אין זכות וואס ער האט געברענגט שלום צווישן דער אייבישטער און די אידן וועט ער זוכה זיין צו ברענגן שלום אויף די וועלט און ער וועט זיין אליהו הנביא און ער וועט לעבן אויף אייביג און ער וועט נישט שטארבן, ער איז ארויף לעבעדיגערהייט מיט פייערדיגע פערד אין הימל.

## צרור את המדינים

דער אייבישטער האט באפוילן אז מ'זאל פיינט האבן און שלאגן מדין ווייל זיי האבן געמאכט זינדיגן די אידן מיט זייערע שלעכטע עצות, און מואב האט דער אייבישטער געזאגט מ'זאל נישט מאכן א מלחמה מיט זיי ווייל עס דארף ארויסקומען פון זיי "רות" די באבע פון דוד המלך.

## שאו את ראש

נאך די מגיפה האט דער אייבישטער באפוילן אז מ'זאל ציילן די אידן פון צוואנציג יאר און העכער, מיר האבן ערקלערט אז אזוי ווי א פאסטעכער ווען ס'כאפט זיך אריין א וואלף אין זיי סטאדע און פארציקט אפאר פון די שעפעלעך ציילט ער נאכדעם איבער די שעפעלעך כדי צו זעהן וויפיל ס'איז איבער געבליבן, די זעלבע זאך איז אויך יעצט וויבאלד ס'איז געווען א מגיפה און ס'איז געשטארבן אסאך פון די אידן האט דער אייבישטער געהייסן מ'זאל זיי אכאמאל ציילן כדי צו וויסן וויפיל ס'איז געבליבן.

נאך א טעם פארוואס דער אייבישטער האט געהייסן ציילן די אידן, ווייל משה רבינו האט איבער געגעבן די הנהגה פאר יהושע וואס ער וועט אריינפירן די אידן אין ארץ ישראל, דעריבער אזוי ווי ווען משה האט באקומען די אידן ווען מ'איז ארויס פון מצרים האט מען זיי געציילט, אזוי אויך יעצט ווען ער געבט זיי איבער פאר יהושע דארף מען זיי ציילן.

## חלוקת הארץ

פאר ווען די אידן זענען אריין אין ארץ ישראל איז דער אייבישטער באפוילן פאר משה רבינו אז ער זאל צוטיילן דאס לאנד לויט א גורל פאר די צוועלעף שבטים, און אזוי איז

אפגעראכטן געווארן די גורל, מ'האט געברענגט צוויי פושקעס און מ'האט געשריבן די נעמען פון די צוועלעף שבטים אויף צעטלעך און אריינגעלייגט אין איין פושקע, נאכדעם האט מען געשריבן די צוועלעף נחלות פון ארץ ישראל אויף עקסטערע צוועלעף צעטלעך און אריינגעלייגט אין די אנדערע פושקע, און מ'האטביידע אויסגעמישט, און דער נשיא האט ארויסגענומען צוויי צעטלעך, און דורך א נס איז יעדע מאל ארויסגעקומען די גורל פון די שבט מיט די נחלה צוזאמען, און די גורל אליין האט גערעדט בדרך נס, די גורל האט געזאגט, "איך בין ארויסגעקומען ביי די גורל", און אלעזר כהן גדול האט געזאגט מיט רוח הקודש וועלכע נחלה יעדע שבט וועט באקומען. זיבן יאר האט מען איינגענומען ארץ ישראל, און זיבן יאר האט מען עס צוטיילט.

## בנות צלפחד

ביי שבט מנשה זענען געווען די פינעף טעכטער פון צלפחד און זיי האבן געבעטן פון משה רבינו א נחלה אנשטאט זייער טאטע וואס איז געשטארבן אן קיין קינדער, און דער אייבישטער האט געזאגט פאר משה אז די בנות צלפחד זענען גערעכט און ער זאל זיי געבן א חלק און א נחלה צווישן די נחלות פון זייער טאטנ'ס ברודער, און כדי די נחלה זאל בלייבן ביי די חלק פון מנשה האט זיי משה רבינו געזאגט אז זיי זאלן חתונה האבן נאר מיט מענטשן פון שבט מנשה.

## סמיכת יהושע

משה רבינו האט מסמיך געווען יהושע פאר א מנהיג אנשטאט איהם, און האט מוסיף געווען נאך מער ווי דער אייבישטער האט איהם געהייסן, אז ער זאל ארויף לייגן זיין האנט אויף איהם, און משה רבינו האט ארויפגעלייגט ביידע הענט אויף יהושע.

## קרבנות

מיר האבן ערקלערט די ענין פון די קרבנות וואס מ'האט מקריב געווען יעדן טאג, איינס צופרי און איינס נאכמיטאג, אזוי אויך האט מען מקריב געווען קרבנות יעדע שבת, ראש חודש, און ימים טובים, וואס האבן מכפר געווען אויף די וואס האבן מקריב געווען קרבנות ווען זיי זענען געווען טמא, און היינטיגע צייטן איז נישטא קיין בית המקדש וואס איז חרוב געווארן צוליב אונזערע עבירות, וועגן דעם זאגט מען די קרבנות און מיט דעם ווערט גערעכנט כאילו מ'האט מקריב געווען קרבנות אויפן מזבח.

## שבעה עשר בתמוז

פינעף זאכן האבן פאסירט פאר אונזערע עלטערן אין שבעה עשר בתמוז: מ'האט צובראכן די ערשטע לוחות וואס משה רבינו האט אראפ געברענגט פון הימל און ווען ער האט געזעהן אז די אידן האבן געמאכט דעם עגל האט ער צובראכן די לוחות, די תמיד איז בטל געווארן און מ'האט אויפגעהערט צו מקריב זיין דעם קרבן תמיד, די גוים האבן אריינגעלייגט א צלם אין היכל פון בית המקדש. אפוסטמוס האט פאברענט די תורה, די חומה פון ירושלים איז צושפאלטן געווארן דורך די גוים.

# שאלות מיט תשובות

**א. פון וועלכע שבט איז געווען דער נשיא וואס האט חתונה געהאט מיט א גוי'טע?**

פון שבט שמעון.

**ב. וואס האט פנחס געמאכט פאר די נשיא וואס האט חתונה געהאט מיט א גוי'טע?**

ער האט זיי גע'הרג'עט.

**ג. וועמענס זוהן איז געווען פנחס?**

דער זוהן פון אלעזר דער זוהן פון אהרן הכהן.

**ד. וואספארא שכר האט פנחס באקומען ווייל ער האט זיי גע'הרג'ט?**

אז ער וועט זיין א כהן און אויך זיינע קינדער.

**ה. און וואס וועט פנחס זיין?**

אליהו הנביא.

**ו. אליהו הנביא איז געשטארבן?**

ניין, אליהו הנביא איז ארויף אין הימל לעבעדיגערהייט.

**ז. פארוואס האט דער אייבישטער געהייסן מ'זאל פיינט האבן און שלאגן מדין?**

ווייל זיי האבן געמאכט זינדיגן די אידן.

**ח. און פארוואס האט דער אייבישטער נישט געהייסן מ'זאל שלאגן מואב?**

ווייל ס'דארף ארויסקומען פון דארט "רות" די באבע פון די דוד המלך.

**ט. פארוואס האט דער אייבישטער געהייסן מ'זאל ציילן די אידן ?**

ווייל ער האט געוואלט מ'זאל זעהן וויפיל אידן זענען געבליבן נאך די מגיפה.

**י. ווי אזוי האט מען צוטיילט ארץ ישראל.**

דורך א גורל.

**יא. ווי אזוי האט מען אפגעראכטן דעם גורל?**

מ'האט געברענגט צוויי פושקעס, און צוועלעף צעטלעך פון די שבטים און צוועלעף צעטלעך פון די נחלות און מ'האט ארויסגענומען צעטלעך איינס אקעגן די צווייטע און אזוי איז ארויסגעקומען די נאמען פון די שבט און די נאמען פון זיין חלק אין ארץ ישראל.

**יב. וויפיל יאר האט מען איינגענומען און צוטיילט ארץ ישראל?**

זיבן יאר האט מען איינגענומען און זיבן יאר האט מען צוטיילט.

**יג. פארוואס האבן די טעכטער פון צלפחד געבעטן א חלק אין ארץ ישראל?**

ווייל זייער טאטע איז געשטארבן.

**יד. און וואס האט דער אייבישטער געהייסן פאר משה רבינו?**

ער זאל זיי געבן א חלק פון זייער טאטנ'ס שבט.

**טו. ווי אזוי האט משה רבינו מסמיך געווען יהושע אלס א מנהיג אנשטאט איהם?**

ער האט ארויפגעלייגט אויף איהםביידע הענט, און נישט נאר איין האנט אזוי ווי דער אייבישטער האט איהם געזאגט.

**טז. וויפיל מאל א טאג האט מען מקריב געווען די קרבן תמיד?**

צוויי מאל, איינס צופרי און איינס נאכמיטאג.

**יז. ווען האט מען מקריב געווען נאך קרבנות?**

שבת, ראש חודש, און ימים טובים.

**יח. וואס טוהן מיר היינט אנשטאט די קרבנות?**

מיר דאווענען אין בית מדרש פאר די אייבישטער.

**יט. וויפיל זאכן האט פאסירט פאר אונזערע עלטערן אין שבעה עשר בתמוז?**

פינעף זאכן, מ'האט צובראכן די ערשטע לוחות, מ'האט אויפגעהערט צו מקריב זיין דעם קרבן תמיד, די גוים האבן אריינגעלייגט א געטשקע אין בית המקדש. אפוסטמוס האט פאברענט די תורה, און די חומה פון ירושלים איז צושפאלטן געווארן דורך די גוים.

# נא לגזור דף זה ולשלוח בחזרה לת"ת ביום ראשון

הורים יקרים !

נא לאשר את הפרטים דלהלן אודות בנכם שיחיו ולציין על כל דבר הציון המתאים

**בני ____________________ ני"ן**

**חומש:** ________________________________________

**סיפר פרשת השבוע:** ______________________________

**שירים:** ________________________________________

**נושא השבוע:** ____________________________________

**ברכת המזון:** ____________________________________

**התנהגות כללית:** _________________________________

**קר"ש שעל המיטה:** _______________________________

**התפלל:** ________________________________________

**הערות:** ________________________________________

**חתימת ההורים** ____________________

צוריק שיקן זונטיג די "מעשה ביכל"